# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................8:12
מוצאי שבת קודש.............9:43

**שיעורים כסדרן**

נ"ך...........................יהושע ט"ז
בבלי.........................חולין ס"ה
ירושלמי.........בבא מציעא י"ט
תוספתא.........................נזיר ב'
רמב"ם..........שביתת יום טוב ג'


פרשת פנחס, י"ט תמוז, אבות פרק ו', שנת תשפ"ו לפ"ק — שנה 15, גליון 39 (758)


## אַ וָואָרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נוֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַאַרְשְׁטֵיין פַאַרְוָואס הָאט פִּנְחָס דַוְקָא בַּאקוּמֶען דֶעם שְׂכַר פוּן שָׁלוֹם?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פ') אַז שָׁלוֹם אִיז נָאר דָא וֶוען צְוֵויי פַאַרְקֶערְטֶע זַאכְן קֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְשְׁטֶעלְן, וֶוען מֶען קֶען צוּזַאמְשְׁטֶעלְן פֵייעֶר מִיט וַואסֶער. אָבֶער וֶוען צְוֵויי דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם, הֵייסְט דָאס נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם.

דָא בַּיי פִּנְחָס גֶעפִינֶען מִיר אַז מֶען הָאט אִים פַאַרְשֶׁעמְט אַז עֶר שְׁטַאמְט פוּן אַ זֵיידֶע וָואס הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דַוְקָא דָאס גֶעוֶוען פַאר אִים דִי גְרֶעסְטֶע חֲשִׁיבוּת, אַז אֲפִילוּ זַיין זֵיידֶע הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בִּיז דִי פַאַרְקֶערְטֶע אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת.

דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי פִּנְחָס הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי צְוֵויי פַאַרְקֶערְטֶע זַאכְן, פוּן אַזַא אָפְּשְׁטַאם וָואס מֶען הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר קוּמְט אִים אַזַא שְׂכַר, צוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה פוּן שָׁלוֹם, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ וֶוען עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּזַאם צְוֵויי פַאַרְקֶערְטֶע זַאכְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה פִּנְחָס ב')

**יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה, אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבֹא לִפְנֵיהֶם.** דֶער בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, **"וַאֲשֶׁר יָבֹא לִפְנֵיהֶם"**, אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק **"וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים"**, דַארְף מֶען פַאַרְשְׁטֵיין דִי שַׁייכוּת פוּן דִי פְּסוּקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִּיק אִיז וֶוען עֶר קֶען וַוייזְן פַאר'ן גְרֶעסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן פַאַרְקֶערְט עֶר קֶען אוֹיךְ וַוייזְן פַאר'ן נִידֶערִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ.

דֶער צַדִּיק דַארְף הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה, אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין אַז עֶר אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער. דָאס קֶען נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק טוּהְן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ח) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זָאגְן תּוֹרָה, וַוייל מֶען קֶען הַרְגֶ'נֶען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי תּוֹרָה וָואס מֶען זָאגְט. דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ זָאגְט מֶען דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע זַאךְ פַאר'ן נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, הָאט מֶען גֶע'הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שְׁטֶעלְן אַזַא מַנְהִיג, **אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבֹא לִפְנֵיהֶם**, אַמָאל דַארְף עֶר מְחַזֵּק זַיין, אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי אִידְן וָואס מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אֵיינֶעם אַז עֶר קֶען נָאךְ מֶער טוּן.

אוּן דָאס שְׁטֶעלְט צוּ דִי מְסוֹרָה דֶעם פָּסוּק, **וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים**, וָואס דֶער פָּסוּק רֶעדְט דָארְט פוּן אֵיינֶעם וָואס הַרְגְ'ט בְּשׁוֹגֵג, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן, וַוייל מֶען קֶען מִיט דֶעם הַרְגֶ'נֶען מֶענְטְשְׁן, נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק קֶען דָאס טוּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פִּנְחָס תשס"ה)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### צְווִישְׁן בֵּיימֶער אוּן גְרָאז

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זֶע אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט אִין 'קֶעמְפּ' צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן דִי גְרָאז, מַאךְ זִיךְ אַ פְּלַאץ צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער; נֶעם אַ טִישׁ, אַ בֶּענְקֶל אוּן אַ שְׁטֶענְדֶער אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דַיינֶע פְרֵייעֶ צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִלִּים' אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ סֵפֶר תְּהִלִּים, בֶּעט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ שִׁידוּךְ אוּן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

הַיינְטִיגֶע טֶעג וֶוען דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטִיבֶּער זֶעט מֶען וִוי עֶס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַוֶועק קִינְדֶער, עֶס אִיז מַמָּשׁ וָואס דֶער נָבִיא קְלָאגְט (יִרְמְיָה ט, כ): "כִּי עָלָה מָוֶת בְּחַלּוֹנֵינוּ, בָּא בְּאַרְמְנוֹתֵינוּ, לְהַכְרִית עוֹלָל מִחוּץ, בַּחוּרִים מֵרְחֹבוֹת", אִידִישֶׁע קִינְדֶער


<<<<<<


## א גוט ווארט

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵייליךְ, אוּן בַּיי דִי סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ נֵייטְן צוּ זַיין רַק בְּשִׂמְחָה, זִינְג זְמִירוֹת בְּשִׂמְחָה, זִינְג נִישְׁט וֵויינֶעדִיגֶע נִיגוּנִים, זִינְג פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים.

מַאךְ קִידּוּשׁ מִיט שִׂמְחָה, עֶס דִי שַׁבָּת'דִיגֶע עֶסְן מִיט שִׂמְחָה, אוּן דַאנְק הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה; רֶעכְן אוֹיס אַלֶע קִינְדֶער בַּיים נָאמֶען, זָאג שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דֶעם קִינְד, אוּן פַאר דֶעם קִינְד, אוּן גֵיי שְׁלָאפְן בְּשִׂמְחָה, אוּן דַאוֶוען בְּשִׂמְחָה.

אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז עַצְבוּת זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ, אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת דַארְף מֶען דֶערְוַוייטֶערְן דִי עַצְבוּת בְּתַכְלִית הָרִחוּק.

אַז דִי נִישְׁט גוּטֶע רוּחַ כַאפְּט דִיךְ אָן, זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ זַייט אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אָנָּא הַשֵּׁם הַרְחֵק מֵעָלַי אֶת הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחוֹרָה, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶערְוַוייטֶער פוּן מִיר דִי עַצְבוּת אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, וְזַכֵּנִי לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה, מַאךְ מִיךְ פְרֵייליךְ, מַאךְ מִיךְ אַזוֹי פְרֵייליךְ אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן רוֹב שִׂמְחָה, אוּן יֶעדֶער אַרוּם מִיר זָאל וֶוערְן פְרֵייליךְ".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת בָּלָק תשפ"ו)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַ גְרִינְגֶע זִיסֶע לֶעבְּן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶּער, אַלֶע שְׁוֶועריִקייטְן אוּן יִסוּרִים – אִיז נָאר וַוייל פוּן הִימְל וִויל מֶען זֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן בְּעֵת צָרָה, וָואס וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ טוּן? וֶועט עֶר זִיךְ פַּארְלִירְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם שֶׁעלְטְן וְכוּ' וְכוּ', אָדֶער וֶועט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן בְּלַייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה; דוּ זָאלְסְט אִים שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן, אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז עֶר, אוּן אַלֶעס וָואס טוּט פַּאסִירְן – אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ס:): "כָּל מַה דְּעָבֵיד רַחֲמָנָא לְטָב עָבֵיד", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט – אִיז גוּט.

דִי לֶעבְּן וֶוערְט גְרִינְג אוּן זִיס מִיט אֱמוּנָה, וַוייל וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה – זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): – "חַיָּיו חַיִּים", אִיז זַיין לֶעבְּן אַ לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", אוּן עֶר פַארבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶס גֵייט אִים אַזוֹי וִוי עֶר וִויל - אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִילּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם, גַּם כֵּן טוֹב", אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע טֶעג, עֶר הָאט וֵוייטָאג אוּן יִסוּרִים - אִיז אִים וַוייטֶער גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים הֶעלְפְן, "כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים - מוּז זַיין אַז אַלֶעס נָאר לְטוֹבָה, עַיֵּין שָׁם.

גֵיי אַ טֶענְצְל יֶעדְן טָאג: "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּינוּ", וָואס שְׁטַארְקְט אוּנְז מִיט אֱמוּנָה, אוּן מִיט זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַשְׁרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

מד. מִי שֶׁעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה בְּכָל לֵב, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נוֹתֵן לוֹ לֵב לָדַעַת אוֹתוֹ. וֶוער עֶס טוּט תְּשׁוּבָה מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, גֶעבְּט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ הַארְץ צוּ שְׁפִּירְן אוּן קֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מה. עַל יְדֵי שְׁמִיעַת קוֹל שׁוֹפָר מֵאָדָם כָּשֵׁר, הַיֵּצֶר הָרָע נִשְׁבָּר, וְנִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה בָּעוֹלָם. אַז מֶען הֶערְט שׁוֹפָר בְּלָאזְן פוּן אַן עֶרְלִיכְן אִיד, וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן דֶער יֵצֶר הָרָע, אוּן עֶס וֶוערְט אַן הִתְעוֹרְרוּת פוּן תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶער וֶועלְט.

<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

וֶוערְן פַארְכַאפְּט - דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; הִינְטֶערְן בּוֹים זָאלְסְטוּ זִיצְן מִיטְן תְּהִלִּים אוּן זִינְגֶען דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי פְּסוּקֵי תְּהִלִּים - מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אוּן דוּ זָאלְסְט אַרַיינְפְלֶעכְטְן צְוִוישְׁן דִי פְּסוּקִים דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת, זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן, שִׁיק מִיר שׁוֹין מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ קוּם נָאךְ אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר אִין קֶעמְפּ, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיכֶער פַארְיָאר אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט דַארְפְן קוּמֶען דִי יָאר נָאכְאַמָאל אִין קֶעמְפּ, אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, דִיךְ קֶענֶען דִינֶען מִיט רֵיינֶע מוֹחִין, לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים קיב:): "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה? "נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְלוֹ בָּנִים", אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה; אָנָּא ה' רַחֵם עָלַי, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, בְּרֶענְג מִיר מַיין שִׁידוּךְ"; אוּן לֵייג אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, עֶס זֶענֶען דָא מַלְאָכִים וָואס נֶעמֶען דִי תְּפִלּוֹת אוּן מַאכְן דֶערְפוּן הֶערְלִיכֶע קְרוֹינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יג:; זֹהַר בְּשַׁלַּח נח.), עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ סַנְדַּלְפוֹן, אַ רִיזִיגֶער מַלְאָךְ, פוּן דִי עֶרְד בִּיזְן הִימְל, "וְקוֹשֵׁר כְּתָרִים", עֶר מַאכְט שֵׁיינֶע קְרוֹינֶען, "מִצְּלוֹתְהוֹן יִשְׂרָאֵל", פוּן דִי תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי תְּפִלּוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף בִּיזְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר (נָאר דָארְט וואוּ דִי קֶעמְפּ עֶרְלוֹיבְּט) - מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּ אִים אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, טֵייל אַיין דִי שְׁמוּעֶס אִין דְרֵיי; הֵייבּ אָן מִיט 'תּוֹדָה וְהוֹדָאָה', דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער, וָואס דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט, זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה, אִיךְ זָאג צוּ אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן", אוּן זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אַז דִי לֶעבְּן זָאל דִיר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

דִי עֲבוֹדָה פוּן שְׁמוּעֶסְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן אַלֶע צַדִיקִים גֶעטוּן, דָאס הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ וֶוערְן אַזוֹי גְרוֹיס, אַזוֹי הֵיילִיג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה; ק), עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ צַדִיקִים אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת, דָאס אִיז דִי עֶפֶענוּנְג אַרַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה.

## אַהֵיים רוּפְן

דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס דוּ בִּיסְט אִין 'קֶעמְפּ' זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, גֶעדֶענְק אַהֵיים צוּ רוּפְן יֶעדְן טָאג, גֶעדֶענְק פוּן דַיינֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ; דֶערְצֵייל זֵיי גוּטֶע זַאכְן, מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיינֶע עֶלְטֶערְן; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "הִשְׁוָה הַכָּתוּב כְּבוֹד אָב וָאֵם לִכְבוֹד הַמָּקוֹם", אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן - אִיז מֶען מְכַבֵּד דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ דִי עֶלְטֶערְן - מַאכְט מֶען פְרֵיילִיךְ דִי שְׁכִינָה,

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

עֶס גֵייט אִינְאֵיינֶעם.

קֶענְסְט בֶּעטְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן דִיר בַּאזָארְגְן מִיט דִי זַאכְן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן אִין 'קֶעמְפּ', דִיר שִׁיקְן וֶועשׁ, עֶסְן, וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער זַיי גֶעוָוארְנְט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ זֵיי; צוּ עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען רֶעדְן זֵייעֶר אֵיידְל און שֵׁיין, פְרֶעג זֵיי אֵיידֶעלֶערְהֵייט אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען דִיר הֶעלְפְן מִיט וָואס דוּ דַארְפְסְט; עֶס פֶעלְט דִיר אַ הֶעמְד, אַ הוֹיזְן, אַ בֶּעקִיטְשֶׁע וְכוּ', אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם קוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת: 'הֲיִתָּכֵן הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶעמַאכְט?' 'הֲיִתָּכֵן הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶעשִׁיקְט?' 'הֲיִתָּכֵן הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶעקוֹיפְט?' דָאס אִיז אַ פְּגַם אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ; אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר וֶוען דוּ דַארְפְסְט עֶפֶּעס הָאבְּן, דוּ דַארְפְסְט אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן דִיר הֶעלְפְן, זֵיי זָאלְן דִיר עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן - דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען בֶּעט און וִוי אַזוֹי מֶען פַארְלַאנְגְט, מֶען זָאל נִישְׁט פּוֹגֵעַ זַיין אִין זֵייעֶר כָּבוֹד; נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז קֵיינֶער קוּמְט דִיר גָארְנִישְׁט, דַיינֶע עֶלְטֶערְן קוּמֶען דִיר גָארְנִישְׁט; אַלֶעס וָואס זֵיי טוּעֶן פַאר דִיר, אַלֶעס וָואס זֵיי זָארְגְן פַאר דִיר - אִיז אַ מַתָּנָה; אַזוֹי וֶועסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע און חָשׁוּבְ'סְטֶע פוּן דִי וֶועלְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת רוּפְן דַיינֶע זֵיידֶעס און בַּאבֶּעס, דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן נֶעמְט אוֹיךְ אַרַיין זֵיידֶעס און בַּאבֶּעס, און וֶוען דוּ קֶענְסְט נָאר דוּרְכְן יָאר אַרוֹיפְגֵיין צוּ אַ זֵיידֶע, צוּ אַ בַּאבֶּע - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ זֵיי, און אַז דַיין זֵיידֶע זָאגְט דִיר מוּסָר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט, און אַז דִי בַּאבֶּע זָאגְט, שְׁרֵייט און קְוִויטְשֶׁעט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער לַאכְן, זָאלְסְט וִויסְן אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי און מִיר וֶועלְן זַיין דִי זֵיידֶעס פוּן שְׁטָאט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן סא), דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז וִוי אַ פֶערְטְל שָׁעָה; עֶס אִיז נִישְׁט שֵׁיין וִוי אֵיינִיקְלֶעךְ פִירְן זִיךְ צוּ דִי עֶלְטֶערֶע דוֹר, מֶען לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער און מֶען שְׁפֶּעט פוּן זֵיי, אִין אַפָּאר מִינוּט זֶענֶען מִיר דִי זֵיידֶעס, און וֶוער וֶועט קוּקְן אוֹיף אוּנְז? וֶוער וֶועט רֶעדְן מִיט אוּנְז? אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֶען וִוי אַזוֹי מִיר רֶעדְן מִיט אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס, מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן - וֶועלְן זֵיי אוּנְז מְכַבֵּד זַיין, און אַז נִישְׁט - וֶועט מֶען אוּנְז אַרַיינְוַוארְפְן אִין אַ מוֹשַׁב זְקֵנִים, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אוּנְז.

אַז דַיין זֵיידֶע זָאגְט דִיר, דִי בַּאבֶּע זָאגְט דִיר, און כָּל שֶׁכֵּן אַז דַיין טַאטֶע זָאגְט דִיר מוּסָר, דַיין מַאמֶע זָאגְט דִיר מוּסָר - זָאלְסְטוּ דָאס אָנְנֶעמֶען און זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן וָואס זָארְגְן פַאר דִיר. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, וֶוען זַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעשְׁטְרָאפְט, זִי הָאט אִים גֶע'מוּסָר'ט - הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען פַאר אִיר דֶעם קַאפִּיטְל: 'אֵשֶׁת חַיִל מִי יִמְצָא', עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט און גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי טֵייעֶרֶע מַאמֶע וָואס זָאגְט אִים וָואס אִיז רִיכְטִיג, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; דֶערִיבֶּער יֶעצְט אִין 'קֶעמְפּ' וֶוען מֶען אִיז אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ - דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען הָאט אַ שְׁטוּבּ, מֶען הָאט עֶלְטֶערְן, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען פוּן וואוּ מֶען שְׁטַאמְט.

(קוּנְטְרֵס קֶעמְפּ)



### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# שְׁוֶוער און שְׁווִיגֶער אִין דִי בָּאנְגֶעלָאו?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין שְׁוֶוער און שְׁווִיגֶער הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט צוּ קוּמֶען צוּ אוּנְז אִין אוּנְזֶער קְלֵיינֶע פַארְשְׁטוּפְּטֶע בָּאנְגֶעלָאו אוֹיף שַׁבָּת, מִיט מַיין מַאנְ'ס הַסְכָּמָה.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר זֵייעֶר נִישְׁט בַּאקְוֶועם מִיט דִי גַאנְצֶע זַאךְ, אִיךְ פִיל וִוי סֵיי מַיין שְׁוֶוער און סֵיי מַיין שְׁווִיגֶער וֶועלְן זַיין אִין מַיין נָאז אַ גַאנְץ שַׁבָּת און זוּנְטָאג, עֶס נֶעמְט אַוֶועק מַיין גַאנְצֶע פְּרִיוַואטְקֵייט, אִיךְ גֵיי דַארְפְן שְׁלָאפְן אִין דִי קָאךְ מִיט אַ פוּרְהַאנְג, אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען דְרֵייעֶן בַּאקְוֶועמֶערְהֵייט אִין מַיינֶע אֵייגֶענֶע ד' אַמּוֹת, אִיךְ גֵיי שְׁפִּירְן וִוי אַ פְרֶעמְדֶער גַאסְט אִין מַיין אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ, אִיךְ גֵיי זַיין וִוי אַ שְׁטִיקְל מִיסְט, בְּלוֹיז וַוייל מַיין מַאן וִויל גֶעבְּן פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן אַ שַׁבָּת וַואקַאצְיֶע.

בִּין אִיךְ מְחוּיָב נָאכְצֻאלְן צוּ מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם, נָאר וַוייל מַיין מַאן וִויל אַזוֹי? וֶוען זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נֶעבְּן מִיר, בִּין אִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד; אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשׁ וָואס דַארְף מַיין רוּאִיגְקֵייט, מַיין "סְפֶּעיס", און דָא זָאל אִיךְ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ מַצָּב וִוי אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען? אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּאקְוֶועם מִיט זֵיי בִּכְלַל, און נָאכְדֶערְצוּ אִין אַ קְלֵיינֶע בָּאנְגֶעלָאו, וָואס דַארְף אִיךְ טוּן? אִיךְ מֶעג אַרָאפְּשְׁטֶעלְן אַ פוּס און זָאגְן קְלָאר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים? אִיז עֶס גֶערֶעכְט? אִיךְ טְרַאכְט אַז מַיין מַאן קֶען מִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אִיךְ בִּין צֶעמִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זֶענְט נִישְׁט מְחוּיָב דָאס צוּ טוּן, אִיר דַארְפְט דָאס נִישְׁט טוּן; דִי שְׁאֵלָה אִיז, וָואס וֶועט זַיין אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם וֶוען אִיר וֶועט זַיין דִי אַלְטֶע בַּאבֶּע און אֵייעֶר מַאן – דֶער זֵיידֶע, און אִיר וֶועט זוּכְן זוּמֶער אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין; אִיר וֶועט זִיךְ זִיכֶער מְחַיֶּ' זַיין אוֹיבּ אֵייעֶר קִינְד וֶועט זִיךְ צַאמְקְוֶועטְשְׁן פַאר אַ שַׁבָּת, אַייךְ אַרַיינְנֶעמֶען און אַייךְ מַאכְן בַּאקְוֶועם.

עַל פִּי הֲלָכָה קֶענְט אִיר זָאגְן: "מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּלַאץ", "עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט צוּ שְׁלָאפְן אִין קָאךְ מִיט אַ פִירְהַאנְג וְכוּ' וְכוּ'", אָבֶּער וָואס טוּט מֶען נִישְׁט פַאר עֶלְטֶערְן... דָאס לֶעבְּן אִיז דָאךְ נָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז מֶען קֶען מְחַיֶּ' זַיין דִי עֶלְטֶערְן; אָפְּגֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חִינוּךְ, מֶען וַוייזְט פַאר דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְכַבֵּד עֶלְטֶערְן, דַאן וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף אַזוֹי הֵיילִיג און אַזוֹי גֶעזוּנְט; זֵיי וֶועלְן אַייךְ אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין.

אִיךְ בִּין אַזוֹי אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַלֶע מַיינֶע יָארְן. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַרַיינְגֶענוּמֶען מַיין בַּאבֶּע, מָרַת רָחֵל לֵאָה טֵייטְלְבּוֹים עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, זִי פְלֶעגְט אַיינְשְׁטֵיין אַ הַאלְבֶּע זוּמֶער בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן; מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אַ פְּלַאץ, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ פָּשׁוּטֶ'ע בָּאנְגֶעלָאו, זֵיי הָאבְּן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶר שְׁלָאף שְׁטוּבּ פַאר אִיר, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

אַרַייְנְגֶעקֶוועטְשְׁט אִינְאֵייְנֶעם מִיט דִי קִינְדֶער. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי שְׁלָאף שְׁטוּבֶּער, דִי בֶּעסְטֶע שְׁטוּבּ הָאט מֶען אִיר גֶעגֶעבְּן, אוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אוּן מַאמֶע תִּחְיֶ' הָאבְּן זִיךְ אַרַייְנְגֶעקֶוועטְשְׁט מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ; עֶס אִיז אוּנְז קִינְדֶער נִיטְאַמָאל אַיינְגֶעפַאלְן אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן נִישְׁט, מִיר הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אַלֶע טוּעֶן אַזוֹי, מִיר הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז בַּיי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן דֶער עִיקָר פוּן דִי לֶעבְּן.

דִי שְׁאֵלָה אִיז, פַארְוָואס דַארְף דָאס זַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ? פַארְוָואס זָאל מֶען דָאס נִישְׁט וֶועלְן טוּן מִיט שִׂמְחָה?! עֶס וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אַז דִי עֶלְטֶערְן קוּמֶען.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיר זָאלְט לֶעבְּן מִיט דִי מִצְוָה – וֶועט אִיר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דַארְפְן מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, אִיר וֶועט הַנָאָה הָאבְּן פוּן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנָּן תשפ"ב)

# נייע 'טעג' אפיס עפנט זיך בקרוב אין שטעטל

א גוואלדיגע בשורה טובה ווערט איצט געמאלדן פאר די איינוואוינער פונעם שטעטל קרית ברסלב ליבערטי, אז נאך א לאנגע צייט ווארטן קומט ברוך ה' צו אן ענדע די פילע שוועריקייטן וואס מען האט געהאט ביים פילטערן די טעלעפאנען און קאמפיוטערס, די גוטע נייעס איז אז די באקאנטע 'טעג' ארגאניזאציע עפנט אן אפיציעלן לאקאציע אינעם שטעטל, וואס וועט זיכער ברענגען א גרויסע הרחבת הדעת פאר'ן גאנצן ציבור. די פריידיגע נייעס איז געמאלדן געווארן אויף א ספעציעלן אינטערוויו וואס איז אפגעהאלטן געווארן אויף "קול ברסלב" צווישן דעם מנהל התלמוד תורה, הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א, און דעם מנהל הישיבה, הר"ר אברהם משה שטראסער שליט"א.

ווי דער מנהל ר' אברהם משה האט ארויסגעברענגט ביים שמועס, פלעגט מען אים כסדר אפשטעלן און בעטן עצות אין דעם ענין, די עיקר שוועריקייט איז געווען אז זייענדיג דא ווייט ארויף אויף די בערג, האט יעדע פשוט'ע געברויך פון פילטערן א טעלעפאן אדער א קאמפיוטער געפאדערט אסאך צייט און כוחות, און מען האט געדארפט מאכן לאנגע נסיעות צו קענען צוקומען צו די סערוויסעס. זייער אפט מאל נאכ'ן קויפן א נייעם טעלעפאן איז עס געבליבן ליגן אין א זייט אומבאנוצט פאר א לאנגע צייט, פשוט ווייל עס איז געווען צו שווער אנצוקומען צו א פילטער סערוויס, פילע תפלות האבן אנשי שלומינו געמאכט אויף דעם אז מען זאל האבן א גרינגערע לעזונג.

דער פראיעקט האט זיך אנגעהויבן בערך א יאר צוריק. ר' אברהם משה דערציילט אבער, אז ער האט אנגעהויבן ארבעטן דערויף מיט פיל מער ענערגיע ווען ס'איז לעצטנס געווארן די גרויסע אויפוואכונג איבער עי-איי, וואס דאס האט געברענגט פרישע שאלות פון עלטערן וועלכע סארט טעלעפאן זענען אויסגעהאלטן. מיט די הילף פון ר' יודל פעלדמאן הי"ו, וועלכער פלעגט ארבעטן פאר 'טעג' אין לעיקוואוד איידער ער האט זיך אריבערגעצויגן צום שטעטל, האט מען אנגעהויבן ארבעטן צו ברענגען 'טעג' אהער.

ער האט זיך א לאנגע צייט געמוטשעט צו קענען מסדר זיין א מיטינג מיט הרה"ג ר' נחמי' גאטליעב שליט"א, דער גרינדער און פירער פון 'טעג', וועלכער איז א גאר פארנומענער מענטש. ענדליך דעם דאנערשטאג פרשת חקת-בלק איז מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פארגעקומען די אסיפה אינעם שטעטל. דער גרינדער פון טעג, הרב גאטליעב שליט"א, איז פערזענליך אראפגעקומען אינאיינעם מיט זיין געהילף; די אסיפה מיט פילע פון אנשי שלומינו איז פארגעקומען אינעם שטוב פונעם חבר ההנהלה, מו"ה מרדכי אהרן היילפערן הי"ו.

הרב גאטליעב שליט"א האט ארויסגעברענגט זיין התפעלות פון דיווארעמקייט פונעם ציבור אינעם שטעטל, ווי אזוי דער עולם וויל עס און זוכט עס אליינס. צווישן אנדערע האט ער זיך אויסגעדרוקט: "אן א פילטער האסטו נישט קיין בחירה; 'טעג' איז דא פשוט דיר צוריקצוגעבן דיין בחירה." ער האט צוגעגעבן אז עס איז אים א גוואלדיגע שמחה צו זען ווי אינעם שטעטל קומט דער פארלאנג פאר פילטערס פונעם ציבור אליינס, וועלכע הערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און פארשטייען די וויכטיגקייט פון זיין אפגעהיטן, מען דארף קיינעם נישט צווינגען, דער עולם וויל זיין ערליך.

ס'איז באשלאסן געווארן ביים מיטינג אז ס'גייט זיך עפענען אן אפיציעלע 'טעג' אפיס דא אין שטעטל בעז"ה. מען שטעלט אויף א שיינע, מכובד'יגע לאקעישאן – נישט סתם א ווינקל אין ביהמ"ד אדער אין א בעיסמענט – נאר א געהעריגע סטאר וואס וועט זיין אפן מיט קלארע שעות, כדי ס'זאל זיין באקוועם און צוגענגליך פאר'ן גאנצן ציבור. מו"ה מרדכי אהרן האלפערן הי"ו האט ברייטהארציג מסכים געווען צוצושטעלן א פלאץ פאר דעם, און מען האפט עס צו עפענען ממש בקרוב.

דער נייער צענטער וועט דינען סיי פאר פילטערינג און סיי פאר אינפארמאציע. מען וועט דארט בעז"ה קענען באקומען הדרכה און גוטע עצות נאך בעפארן קויפן א סעלפאון, א היים פאון, אדער אנדערע טעכנאלאגישע דעווייסעס; צו וויסן וועלכע כלי מען דארף פילטערן, וועלכע מען קען פילטערן, און וואס ס'איז די בעסטע לויטן מצב. דאס וועט בעז"ה שפארן אסאך אידיש געלט און פארמיידן עגמת נפש.

דער ראש ישיבה שליט"א, וועלכער האט שטארק געשטופט מען זאל עפענען דעם אפיס, האט זיך אויסגעדריקט מיט גרויס שמחה הערנדיג די נייעס, אין א בריוו צום מנהל שליט"א ברענגט דער ראש ישיבה שליט"א ארויס זיין שמחה איבער די פרייליכע אנוויקלונגען, און גלייכצייטיג שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א אז דער מנהל שליט"א זאל מחזק זיין און אויך פארלאנגען פון אלע עלטערן וואס שיקן די קינדער צו אונז אין מוסד, אז זיי זאלן האבן נאר אפגעהיטענע טעלעפאנס וכדומה, "ווייל ווי קענען מיר האלטן קינדער פון שטיבער וואס איז דא אפענע כלים צו אלע שלעכטע זאכן, און די וועלן אראפשלעפן אנדערע קינדער?", און דער ראש ישיבה שליט"א פירט אויס, "דער אייבערשטער זאל שוין רחמנות האבן אויף אונז און אונז אויסלייזן פון דעם ביטערן גלות".

מען ערווארטעט בקרוב צו הערן די בשורה אז דער אפיס איז שוין אינגאנצן אפן צום צופרידנהייט פונעם ציבור.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **זעליג שפילמאן** הי"ו בארא פארק
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **משה בוים** הי"ו יבנאל
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אפרים פעלדמאן** הי"ו בארא פארק
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **ברוך מרדכי פעקעטע** הי"ו מאנסי
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **קלמן ווייס** הי"ו וויליאמסבורג
צו די שידוך שליסן למזל טוב פון זיין זון
החתן **יוסף ווייס** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יצחק לייב ראזענבערג** הי"ו וויליאמסבורג


## אויבער חכם

עס קען אויסזען זיס און אינטערעסאנט צו זיין אן אויבער חכם, ער פארשטייט בעסער פון יעדן, אבער ברענגט דאך אזויפיל צרות

קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 2, 39**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעצעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**